השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **ואתחנן - עקב** תשפ"ה ◆ עלון מס': **169**

דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

רבי יעקב עמדין טוישט דעם ניגון

א לענגערע הסבר שרייבט דער הייליגער רבי אין חובת הלבבות איבער די שטאפלען פון בטחון.

דער מענטש מיינט אז 'בטחון' איז מען קונה איבערנאכט, אבער עס איז א הארעוואניע און עס גייט שטאפלווייז - איין שטאפל נאך די אנדערע.

דער משל וואס דער רבי נוצט אויף איר איז די געבורט פון א קינד און זיין ערציאונג. ווען א קינד ווערט געבוירן קען ער נאר זיין מאמע. ער גלייבט אז זיין מאמע וועט אים צושטעלן אלע זיינע געברויכן. ווען ער הייבט זיך אן צו ענטוויקלען זעט ער איין אז זיין מאמע איז באגרעניצט, אז וויפיל זי קען האט איר יכולת א גרעניץ, זי מוז אנקומען צו דעם טאטן.

דאס קינד הייבט אן גלייבן אז דער טאטע קען יא אלעס, אבער מיט די צייט לערנט ער זיך אויס אז אויך די יכולת פון זיין טאטע איז באגרעניצט - עס איז מיט א מאס.

אזוי ארום גייט ער ארויף א דרגה נאך א דרגה ביז ווען ער איז מגלה דעם אמת אז אלע זענען אנגעהאנגען אין דער טאטע פון הימל - דער וואס שפייזט אונז און געבט אונז אלעס וואס מיר דארפן.

ביסלעכווייז קומט דער קינד אן צו די אנערקענונג אז הקב"ה איז אלעס.

דער רבי איז מסיים זיינע ווערטער מיט דער פסוק אין ירמי' הנביא [ב, כז] ובעת רעתם יאמרו קומה הושיענו.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דער פסוק וואס דער רבי האט געזאגט, באקומט מען א ברייטערע בליק איבער די יעניגע געשעענישן און ווי שטארק עס גייט.

דארט רעדט דער פסוק פון אידן וואס זענען ליידער נכשל געווארן אין דער שרעקעדיגער חטא פון עבודה זרה. זיי האבן זיך געבוקט צו די עבודה זרה און ווען עס איז געקומען אויף זיי פורעניות האבן זיי זיך דערוועקט און זיך צוריקגעקערט צו הקב"ה און געבעטן השי"ת **קומה הושיענו.**

ברוך ה' אז היינטיגע צייטן איז נישט דא אזא זאך! די חכמים האבן מבטל געווען דער כח פון די עבודה זרה. עס איז כמעט נישט מצוי היינטיגע צייטן אז איינער זאל גלייבן אין עבודה זרה.

מען גלייבט נישט אין עבודה זרה, אבער מען גלייבט יא אין כוחי ועוצם ידי. א מענטש ווערט פארבלענדעט אין זיין אייגענער כח, אין זיין געלט, אין געדאנקען, ער פארגעסט אז ער הענגט אויף הקב"ה.

נאר ווען ער פאלט אריין אין בעט און ער פארלירט זיינע כוחות, הייבט ער זיך אן צו דערמאנען אז ער איז גארנישט און אז ער קען גארנישט טון אויסער הקב"ה.

אבער דאס איז איין קוק-ווינקל אויף די נושא - לאמיר אנקוקן די זאך פון א צווייטן ווינקל.

דער צדיק רבי יעקב עמדין דערציילט, אז אין זיינע יונגע יארן האט אים זייער פארדראסן איין שטיקל פון 'נשמת כל חי' וועלכע מיר זאגן יעדע וואך שב"ק.

ביי 'נשמת' זאגט מען: בכל עת צרה וצוקה, אין לנו מלך עוזר וסומך, אלא אתה.

האט רבי יעקב עמדין געפרעגט: צי איז דאס פאסיג? צי איז נארמאל אזא זאך אז א מענטש זאל זאגן אויף זיך - איך ווענד זיך צו הקב"ה נאר ווען איך בין אין א מצב פון צרה וצוקה, און וואס איז ווען איך בין בשלוה - ווען אלעס גייט מיר גוט - דאן דארף איך זיך דען נישט ווענדן צו הקב"ה?

דער שטיקל האט אים אזוי געבאדערט, אז ער האט געטוישט די סדר הדברים. מיר זאגן: בכל עת צרה וצוקה, אין לנו מלך עוזר וסומך, אלא אתה - ער האט אנגעהויבן צו זאגן אנדערש די סדר, ער האט געזאגט ווי פאלגענד: פודה ומציל, עונה ומרחם בכל עת צרה וצוקה, אין לנו מלך עוזר וסומך אלא אתה!

צווישן דער 'בכל עת צרה וצוקה' האט ער זיך אפגעשטעלט א רגע, און שפעטער האט ער ממשיך געווען צו זאגן 'אין לנו מלך עוזר וסומך אלא אתה'.

עס איז אריבער עטליכע יאר, און רבי יעקב עמדין איז מעיד אויף זיך אז ער האט צוריקגעטוישט.

די סיבה, האט ער געגעבן צו פארשטיין, די גוים ווען זייער אפגאט דינט זיי און עס גייט זיי גוט - דינען זיי אים, אבער אין דער רגע אז עס גייט זיי נישט - הייבן זיי אן אים צו שטויסן און שעלטן אים אז ער איז גארנישט ווערד און זיי ווילן אים נישט קענען.

אנדערש איז ביי דער איד. א איד איז אלעמאל געטריי פאר הקב"ה. אין יעדן מצב דינט ער הקב"ה און פארלירט נישט זיין אמונה, סיי אויב עס גייט אים גוט און סיי אויב עס גייט אים נישט גוט דינט ער הקב"ה באמנות.

דאס איז א איד און דאס אזי די שיינקייט פון א איד - ער בלייבט אלעמאל געטריי צו הקב"ה.

(ארויסגענומען פון שיעור 304 אין שער הבטחון)

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

די וועכענטליכע השגחה

פארקערט פון דער גוי'אישער קאפ!

אז מען וועט אפשטעלן א קינד אין גאס און אים פרעגן וועלכע סארט אבר איז קריטישער פאר'ן מענטש, צי איז עס א שוואכער אבר אדער די שטארקע אברים פון דעם מענטש.

עס קען זיין אז א קינד וואלט געענטפערט אז א שטארקער אבר איז וויכטיגער ווי א שוואכער אבר, אבער אן ערוואקסענער וועט גלייך ענטפערן אז די שטארקקייט פון די אבר מאכט נישט אויס, וואס עס מאכט אויס איז די קריטישקייט פון דער אבר.

א גוטער ביישפיל אויף דעם איז די הארץ פון א מענטש, דער הארץ איז א שוואכער אבר און דאס מערסטע סענסיטיוו, אבער זי איז דאס מערסטע קריטיש פאר'ן מענטש.

די ביישפיל האט רבי אליעזר הגדול גענוצט ענטפערנדיג די שאלה פון א גוי וואס איז געקומען צו אים מיט א שטארקע טענה.

דער גוי האט געהאט א ראיה אז כלל ישראל איז חלילה וחס נישט דער עם הנבחר - אז די אויסגעוועלטע פאלק איז אן אנדערע אומה. זיין ראיה פאר זיין טעאריע איז געווען אז כלל ישראל איז די פאלק וואס איז דאס מערסטע געפלאגט און פארפייניגט.

"אויב הקב"ה האט ענק אזוי ליב - וואלט ענק הקב"ה נישט געפייניגט אזויפיל".

אזוי טראכט א גוי, אבער א איד ווייסט דער אמת, און רבי אליעזר הגדול האט אים געגעבן די תשובה נוצנדיג די משל פון די הארץ - אז עס איז סענסיטיווער ווי אלע אנדערע אברים אבער עס איז די קריטישסטע פאר'ן מענטש.

מיר ווייסן וואס צדיקים געבן צו פארשטיין איבער די עונש וואס דער שלאנג האט באקומען - הקב"ה האט מעניש געווען דעם שלאנג אז זיין עסן זאל זיין פון די ערד.

די קשיא איז באקאנט. אויבנאויף קוקט עס אויס פונקט פארקערט. עס זעט אויס אז די שלאנג האט דא באקומען א מתנה - ער האט גענוג און נאך עסן - מער ווי יעדן אנדערש.

מיר ווייסן אבער אז אויב מען געבט פאר איינעם גענוג פון א זאך, איז עס א סימן אז מען וויל לויז ווערן פון יענעם.

מען וויל אים האלטן ווי ווייט אוועק פון זיך, און דאס איז געשען מיט די שלאנג.

הקב"ה האט געוואלט ער זאל זיין ווי ווייטער אוועק פון אים, און וועגן דעם האט ער אים פארשיקט פון זיך ער זאל גיין ווי ווייטער אוועק פון אים.

מיר ווייסן דער כלל אז 'אשר יאהב ה' יוכיח' - אז ווי מער הקב"ה האט ליב איינעם האלט ער אים נעבן זיך.

ער דערמאנט אים כסדר אז ער וויל אים און אז ער איז אינטערעסירט אין אים.

די הנהגה איז דא בכללות ביי יעדן איינעם בפרט, און ביי כלל ישראל בכללות.

די נקודה דארף אונז מחזק זיין. מיר דארפן וויסן און פארשטיין דער ציל פון די אלע צרות. עס איז דא צוליב איין זאך - ווייל הקב"ה וויל אונז האלטן נעבן זיך ווי נענטער, און וועגן דעם גייען מיר אריבער אזויפיל.

מיר זעען עס אנדערש ווי דער גוי זעט עס - דער גוי זעט אז די צרות איז א סימן פאר דערווייטערונג - מיר זעען עס אלץ א סימן פון התקרבות - דער רבוש"ע וויל אונז און אונזער עבודה.

גוט שבת

פינחס שפר

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633 • פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

ניסיך שבכל יום

וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

איין מצוה ברענגט די צווייטע!

איך וואוין אין ירושלים עיה"ק אבער מיינע עלטערן וואוינען אין קרית צאנז אין די שטאט נתניה.

פון צייט צו צייט וועל איך קומען צו מיינע עלטערן אויף שבת. אויך יענער שבת בין איך געווען ביי זיי אויף שבת. מען האט געפראוועט א געשמאקע און א דערהויבענע שבת, און נאך שבת האט מען זיך געגרייט אהיימצופארן קיין ירושלים עיה"ק.

איך האב נישט קיין אייגענע קאר, די מיטל אהיימצופארן איז מיט די ארטיגע טראנספארטאציע. קוקנדיג אויף מיין זייגער האב איך געזען אז עס איז שוין זייער שפעט צו כאפן דעם באס, איך האב נאך עטליכע מינוט און איך האב נאך א מהלך צו גיין ביז צו די באס סטאנציע.

ארויסגייענדיג פון מיין טאטענס שטוב, האב איך געזען א באקאנטער זיצן אין א קאר. איך האב אים א פרעג געגעבן צי אפשר קען ער מיר צופירן צו די באס סטאנציע.

"זייער גערן", האט ער מיר געזאגט.

איך האב זיך ארייגעזעצט אין קאר. אין יענע מינוט האט איינער ארייגעקלאפט אויפ'ן פענסטער און ער פרעגט מיר צי איך האב פארלוירן א פעקל.

דער דרייווער קוקט אן דעם פעקל און ער דערקענט אז דאס איז פון זיין שוועסטער וואס איז געווען ביי אים אויף שבת.

עס איז געווען קענטליך ווי אזוי זאכן פירן זיך, אז דא האט ער געטון מיט מיר א מצוה און דא האט מען אים מזכה געווען מיט א מצוה פון השבת אבידה צו זיין שוועסטער.

מצוה גוררת מצוה.

די מודעה וואס מיר האבן נישט געזען

עס דערציילט א איד פון די שטאט אשדוד: פאר לאנגע יארן האט מיין פרוי געארבעט אויסער די שטאט אשדוד. טאג טעגליך האט זי געדארפט ארויספארן צופרי צו איר ארבעט. די וועגן זענען געווען אנגעלייגט, און עס איז אויסגעקומען אז זי איז געזעסן לאנגע שעה'ן אין טרעפיק.

עס איז געווען א טעגליכע ערשיינונג אז זי שפעטיגט צום שטוב צוליב די אנגעלייגקייט פון די גאסן.

אין א געוויסער שטאפל האבן מיר זיך בארעכענט, טראכטנדיג אז פארוואס פעלט אויס אז מען זאל פארן אינדרויסן פון שטאט ווען מען קען טרעפן די זעלבע ארבעט דא אין די שטאט.

איינמאל מיר האבן געמאכט אזא באשלוס, האבן מיר אנגעהויבן זוכן ארבעט דא אינשטאט.

דא אין שטאט גייט ארויס אדווערטייזמענט בלעטער וועלכע קומען אן צו יעדן איינעם אין שטוב. מיר האבן עס אנגעהויבן נאכקוקן, און געזוכט צי עס איז דא א פארלאנג אויף די ארבעט.

פון צייט צו צייט איז ערשינען אדווערטייזמענטס אז מען זוכט

מים אן קיין ששון

פארזינקען אין א טיפער טעלעפאנישער שמועס האב איך זיך ארומגעדרייט אין שטוב אהין און צוריק.

פון נאטור אויס ווער איך זייער פארזינקען אין געשפרעכן און איך פארגעס זיך וואו איך האלט אויף די וועלט.

אין שטוב האט מען געהאלטן אינמיטן זיך גרייטן צו וואשן די שטוב, און ביי אונז מאכט מען 'ספאנדזשע' אז מען גרייט אן ריזיגע שיסלען וואסער און שפעטער גיסט מען עס אויס אויף די פאדלאגע.

אזוי גייענדיג האב איך זיך ארייגעקנאקט אין א שיסל וואסער און מיין טעלעפאן איז ארייגעפאלן אין איר. מיין טעלעפאן האט אויסגעהויכט די נשמה. איך האב מצדיק געווען אויף מיר דער דין לטובה און איך בין ווייטער געגאנגען אין מיין לעבן, אבער דאן האט זיך אנגעהויבן א קייט פון געשעענישן וואס האבן געהאט צו טון מיט וואסער.

איין טאג האט א וואסער רער געקראכט, א טאג דערויף האט אנגעהויבן טראפענען וואסער פון דאך, איך האב אנגעהויבן שפירן אז עפעס גייט פאר מיט די וואסער.

נישט זעענדיג קיין זאך וואס קען ברענגען די שייכות מיט וואסער, האב איך באשלאסן אז כ'גיי בודק זיין די מזוזה. מיר האבן בודק געווען די מזוזה און געטראפן אז עס איז געווען א פסול אין דער ווארט 'ומלקוש'.

די 'מלקוש' איז די צווייטע וואסער וואס די תוה"ק רעדט פון איר. מיר האבן גענומען דער רמז און זיך פארבעסערט אין די נושא, און ברוך ה' אז זאכן זענען צוריק אריין אין שוואונג.

דער באשעפער צאלט צוריק

עטליכע חדשים צוריק בין איך אריבער וואוינען אין א נייע דירה.

די דירה, א שיינע דירה, איז געווען אין א גרויסער געביידע, וואו עס וואוינען נאך אסאך טייערע שכנים.

איין טאג האב איך אויפגעמערקט אז אין דער בנין וואוינט אן עלענדער איד, וואס איז אריבער א שווערע לעבן. ער לעבט אליינס, שטיל, איינזאם, פאר זיך אליינס.

זעענדיג דעם איד האב איך אנגעהויבן טראכטן ווער ער איז און פון וואו ער קומט און וואו שפייזט ער זיך און ווער קאכט אים עסן. איך האב זיך נאכגעפרעגט ביי שכנים און איינער נאך די אנדערע האבן באשטעטיגט אז ער האט טאקע נישט וואס צו עסן נאר דאס ביסל וואס ער שטעלט זיך אליין צו.

איין טאג האב איך באשלאסן אז איך גיי ארייננקלאפן ביי אים אין שטוב און כ'גיי אים פרעגן צי ער וויל עפעס ווארעמע עסן. איך בין געווען נייגעריג וואס זיין רעאקציע גייט זיין. צו מיין וואונדער האט ער זיך אנגערופן אז יא, ער וואלט זייער געגליכענט פיינע פרישע עסן.

איך האב אים ארייגעשיקט דאס עסן, און ער האט זיך מחיה געווען מיט דעם באלעקנדיג זיך די פינגער מיט די עסן. איך בין נישט קיין בעל חסד און איך האב נישט קיין חסד ארגינאזאציע, אבער דער 'איינמאליגע' הצעה איז געווארן א טעגליכע זאך.

די וועלט זאגט אז מיט'ן עסן קומט דער אפעטיט. דער איד האט אנגעהויבן שטעלן פאדערונגען און געבעטן אז מיט די טעגליכע פארציעס זאל צוקומען שיינע צושניטענע סאלאט, גרינצייג, פרוכט.

ווי עס זעט זיך אויס איז ער גאנץ א פערפעקשעניסט, ער וויל עס אויף זיין סטייל און ער פלעגט מיר אויפמערקן אז ער וויל עס אין א געוויסער וועג.

איך האב עס נאכגעגעבן און טאג טעגליך האב איך אראפגעציפט צייט פון מיין פארנומענע סדר היום און געשניטן גרינצייג און פרוכט פאר דעם איד לויט זיין געשמאק.

א שטיק צייט שפעטער, איינזענדיג אז עס גנ'ב'ט אראפ פון מיר צופיל צייט, האב איך אפגעשטעלט דער מנהג. איך האב ווייטער געשיקט עסן אבער אן די גרינצייג.

"עס האט א שיעור וויפיל מען קען", האב איך געטראכט צו מיר.

אין יענע צייט האב איך זיך אנגעהויבן מוטשענען מיט א קינד אין שטוב, א קליין קינד, וואס עסט נישט געהעריג. אין די ערשטע מינוט האב איך נישט צוזאמענגעשטעלטביידע זאכן, איך האב געמיינט אז עס איז א צופאל.

מפיצים אמונה ומחיים נפשות

איך וויל דא אויסדרוקן מיין טיפער דאנק פאר די חשובע האטליניע פון 'השגחה פרטית' און פאר אלע איינגעשטעלטע וואס געבן זיך איבער לטובת די טעלעפאן ליניע. ממש לעצטענס האב איך אנגעהויבן ווערן געבינדן צו איר און איך שפיר אז מיין לעבן האט זיך געטוישט. מיין גאנצער וועזן און געדאנקענגאנג און בליק אויף די וועלט איז געווארן אנדערש. איך האב אנגעהויבן לעבן מער מיט'ן רבוש"ע און גלייבן אז אלעס וואס עס געשעט פירט זיך פון הימל און מיט א קלארע חשבון. איך וויל דא אויסדרוקן מיין דאנק פאר אייך, ומי יתן אז הקב"ה וועט ענק באצאלן פאר דעם די גאנצע שכר.

מפיצים אמונה ורואים ישועות

איך האב א דירה וואס איך פארדינג. נאך עטליכע חדשים וואס די דירה איז געשטאנען ליידיג האב איך תורם געווען געלט פאר דער מכון פון 'השגחה פרטית' לזכות אז זיי זאלן קענען מפיץ זיין מער אמונה ביים כלל ישראל. עס האט נישט גענומען קיין סאך צייט און איינער האט מיר געקלינגען און זיך אינטערעסירט אין די דירה. עטליכע טעג שפעטער האבן מיר גע'חתמ'ט א קאנטראקט אויף די דירה. איך האב געהאט די הרגשה אז די ישועה איז געקומען בזכות אז איך האב מרבה געווען אמונה ביי אידישע קינדער.

איין טאג טרעף איך א חבר מיינער. דער איד קען מיר גוט. מיר שמועסן און ער הייבט מיר אן צו באגיסן מיט קאמפלימענטן, זאגנדיג אז איך זאל וויסן וואספארא מצוה איך טוה.

"איך זאג דיר נישט וואס צו טון, אבער אויב דו טוסט עס שוין יא - טוה עס בשלימות. דער איד דארף די גרינציג, די פרוכט, שטעל עס אים צו".

ער האט געררעדט מיט אזא ברען, אז עס איז אריין אין מיינע ביינער.

נאך יענער טאג האב איך באנייעט מיין אלטער מנהג און צעשניטן די גרינציג אין א שיינער וועג.

ממש, ווען איך האב עס אנגעהויבן טון, איז דער פראבלעם פון מיין קינד געגצליך אוועק.

איך האב געזען עין בעין אז איין פלאג פאר די צווייטע, אז מען האט שכל כאפט מען אריין די גוטע פלאג ווי די שווערער פלאג.

ברוך ה' אז השי"ת האט געעפענט מיינע אויגן באצייטנס, און איך האב זיך פארשפארט עגמת נפש און געקענט טון א מצוה מיט א איד און אים מהנה זיין בשלימות.

א שתיקה יפה ביי די קאווע

יענער צופרי ווען איך בין ארויסגעגאנגען פון שטוב, האב איך געשפירט א דרוקעניש.

שטיינדיג געציילטע טעג פאר יום טוב און וויסנדיג אז אין שטוב גרייט מען זיך אויסצורישן די שטוב אויף יום טוב האב איך זיך גענויטיגט אין געלט, אבער פון וואו נעמט מען געלט?

איינער פון מיינע נאנטע איז א איד אין כולל פון וועמען איך נעם פון צייט צו צייט א הלוואה. איך האב געוואַרט אויף א גוטע מינוט, ווען איך וועל קענען פרעגן דעם איד צי ער קען מיר יעצט פארבארגן א סומע געלט.

זעענדיג אז דער איד גייט ארויס פון כולל זיך מאכן א קאווע, בין איך אויך ארויס און אים געפרעגט.

"ניין, כרגע בין איך ליידיג", האט מיר דער איד געזאגט.

איך האב זיך געאיילט ארויסצוגיין פון די קאווע שטיבל צוריק צו די גמרא. אין יענער רגע איז אריינגעקומען א צווייטער יונגערמאן און מיט שנעלע טריט זיך געמאכט א קאווע. זעענדיג ווי ער רירט זיך שנעלער ווי נארמאל האב איך אים מעורר געווען ער זאל פארלאנגזאמען זיינע טריט ווייל אויף דעם וועג, וועט זיך די קאווע גיסן אויפ'ן ערד.

"זארג נישט", האט ער מיר געענטפערט.

איך האב אבער יא געזארגט, און מיין נביאות איז געווארן א פאקט, זיין הייסע קאווע האט זיך אויסגעגאסן אויף מיין שיינע נייע וואלענע ציצית.

כידוע גייט נישט גרינג ארויס קיין פלעקן פון א וואלענע ציצית, און זייענדיג אזוי נערוועז וועגן געלט האב איך געוואלט אויסברעכן אין א געשריי, אבער איך האב זיך איינגעהאלטן.

"איך וועל דיר באצאלן א נייער ציצית", האט מיר דער איד געאפפערט, אבער איך האב אים מוחל געווען און מיט די שמוציגע פארשמירטע ציצית בין איך צוריק אריין אין כולל.

איך גיי אריין אין כולל, איך זעץ זיך אויף מיין פלאץ, איך האב פרובירט צו פארווישן די קאווע.

עס האט נישט געדויערט קיין פינף מינוט, און עס קומט צו א יונגערמאן צו מיר. ער איז א פארמעגליכער יונגערמאן, פון צייט צו צייט, פלעגט ער מיר אריינווארפן סומעס געלט, אבער לעצטענס האט זיך עס אויפגעהערט.

ער נעמט ארויס 500 שקל פון טאש און ער געבט עס מיר.

"אויף הוצאות יום טוב".

איך האב זיך באדאנקט פאר אים און פאר'ן רבוש"ע שפירנדיג אז דאס האט פאסירט אין זכות פון דער זיך איינהאלטן און נישט ענטפערן פאר יענעם.

די בעסטע סגולה אויף די וועלט

"איך דארף א סגולה צו טרעפן אן אבידה", האט מיר א חבר געזאגט.

יענער איז א סופר סת"ם, און ער האט נארוואס געשריבן א פרשה פאר תפילין און ער טרעפט עס נישט. עס רעדט זיך פון א גרויסער געלט שאדן, און אז ער טרעפט עס נישט דערלייגט ער גרויס געלט.

איך האב אים געזאגט אז די בעסטע סגולה איז זיך מחזק צו זיין אין די אמונה אז הקב"ה וועט דיר עס צוריקגעבן.

ער האט געפאלגט און זיך געשטארקט אין אמונה, און עטליכע מינוט שפעטער האט ער געטראפן די אבידה.

אזא און אזא פאסטן.

טוענדיג השתדלות האבן מיר זיך פארבינדן מיט זיי און אריינגעשיקט צו זיי אונזערע דעטאלן, אבער כמעט אלעמאל האט זיך עס געענדיגט מיט די זעלבע אויסרייד אז עס זעט צו נישט אויס פאסיג פאר די רגע.

עס האט זיך געמאכט איינמאל אז אין דער טאג וואס די אדווערטייזמענט בלעטער קומען אן, האבן מיר פארגעסן עס צו נעמען. ביינאכט האבן מיר זיך דערמאנט, אז די וואך האבן מיר פארפעלט צו נעמען דאס בלעטל. איך האב געטראכט ביי מיר אז איך וועל יעצט אראפגיין עס נעמען, אבער ענדע האב איך געטוישט מיין מיינונג, איך האב באשלאסן אז וואס עס וועט זיין - וועט זיין און כ'גיי נישט נעמען די בלעטל - עס איז דא א גרעניץ וויפיל השתדלות א איד דארף מאכן און כ'וועל זיך פארלאזן אויפ'ן באשעפער.

יענער צופרי האט מיין ווייב'ס חבר'טע אריינגעקלינגען צו איר, זאגנדיג אז זי האט געזען א רעקלאמע אז מען זוכט אזא און אזא ארבעט.

"דו זוכסט דאך דאס", האט זי געזאגט פאר מיין ווייב.

מיין ווייב האט צוגעשטימט, און זי האט זיך אנגעטראגן אז זי וועט אריינשיקן פאר זיי א בריוו איבער מיין ווייב אז זי זוכט ארבעט.

זי האט טאקע אזוי געטון, זי האט אריינגעשיקט די דעטאלן און ביז א טאג צוויי האט מיר געררופן אויף א דזשאב אינטערוויו און איר אנגענומען צו די ארבעט.

ביז היינט ארבעט זי דארט, די מעשה האט מיר אויסגעלערנט אז ערשט דארף מען האבן בטחון אין הקב"ה, און אז מען האט בטחון העלפט הקב"ה.

די באשערטע איז אנגעקומען

איך האב א דרוקעריי אין ירושלים.

טאג טעגליך דרוק איך ארויס צעטלעך און פלאקאטן וואס מענטשן באשטעלן ביי מיר. איין דאנערשטאג קלינגט מען מיר אן פון א געוויסער מוסד אז זיי דארפן א פרישע סעט פון מודעות.

"אויב דו שיקסט עס ביז 2 מיטאג וועט עס קענען זיין גרייט מארגן צופרי".

"און אויב שיקן מיר עס שפעטער?"

"איך וועל עס קענען מאכן, אבער די שניט וועט נישט זיין שיין".

דער מוסד, וויסנדיג אז זיי ווילן עס נישט קענען ענדיגן ביז צוויי אזייגער, זענען געגאנגען צו אן אנדערע דרוקעריי.

איך האב באדויערט די פארלוסט און געזאגט 'גם זו לטובה', און איך בין צוריק צו אנדערע ארבעט.

פרייטאג צופרי קלינגט מען מיר אן פון אן אנדערע דרוקעריי, בעטנדיג צי איך קען מאכן פאר אים א דזשאב.

"פון יענער און יענער מוסד?"

דער צווייטער דרוקער לאכט, זאגנדיג אז ניין! נאר ער איז ביזי מיט יענער מוסד און וועגן דעם קען ער נישט אניאגן צו מאכן וואס ער מאכט געוועינליך - ער וויל אז איך זאל מאכן אנשטאט זיי.

איך האב אנגענומען און געזען אז וואס עס איז באשערט פאר מיר וועט ענדע אנקומען.

אויב נישט אויף די וועג, וועט עס זיין אויף אן אנדערע וועג.

טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

פארבינדט זיך מיט אונז

אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742

נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

רוף יעצט אריין: 02.6313.742 אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** | דריקט 6

העברה לבנק לאומי	**משלוח בדואר**	**בעמדות נדרים פלוס**
בנק 10 | סניף 902 | חשבון 57390056	לת.ד. 5475 ירושלים	ע"ש השגחה פרטית

לשונם הזהב

השגחה פרטית בספרים הקדושים

נאכלויפן די תפילה אין יעדע צייט - סיי ווען עס גייט גוט און סיי ווען נישט

כבר ידעת שמשחרב בית המקדש אין לנו במקום קרבן אלא תפילה ותשובה. מעתה יהא אדם רדוף אחר התפילה תמיד, ולא בזמן הצרות בלבד, אלא בכל יום. דרך הערה אמרו: "לעולם יקדים אדם תפילה לצרה, שנאמר: היערוך שועך לא בצר". וכן אמרו: "כל המאמץ עצמו בתפילה מלמטה אין לו צרים מלמעלה", ו"לעולם יבקש אדם רחמים שיהו הכל מאמצין כחו". וישתדל ברוב אוהבים, שאין לך אוהב שאין לו מקום, ובמשלי הערב אמרו: "אל ימעט בעיניך שונא אחד, ואל ירבו בעיניך אלף אוהבים".

(ספר הבחירה למאירי)

מקדים צו זיין א 'תפילה' פאר א צרה

אין איוב שטייט (לו, יט): **"היערוך שועך לא בצר?"** - די חברים פון איוב האבן געזאגט צו אים: צי האסטו מקדים געווען א תפילה נאך איידער די צרה איז געקומען צוגיין? זאגן חז"ל אז פון דעם לערנט מען ארויס אז מען דארף מקדים זיין א תפילה פאר די צרה, ווי די גמרא זאגט: **אמר רבי אלעזר: לעולם יקדים אדם תפילה לצרה, שאלמלא (שאילו לא) הקדים אברהם תפילה לצרה בין בית אל ובין העי, לא נשתייר מרשעי ישראל שריד ופליט.**

ריש לקיש אמר: המאמץ עצמו בתפילה מלמטה, אין לו צרים מלמעלה - אז ווער עס איז זיך מתאמץ בתפילה אויף די וועלט האבן די משטינים ומקטריגים נישט אויף אים קיין כח. ער דרשנ'ט דער פסוק אין איוב: האם ערכת שוועתך? צי האסטו אנגעגרייט דיין געשריי - ווייל ווען דו וואלסט ווען אזוי געטון - וואלסטו פארמיטן די צרה.

ר' יוחנן אמר: לעולם יבקש אדם רחמים, שיהו הכל מאמצין את כחו - ר' יוחנן זאגט אז אייביג זאל א מענטש בעטן רחמים אז אלע זאלן שטארקן זיין כח **ואל יהו לו צרים מלמעלה.** און ער לערנט עס ארויס פון די זעלבע פסוק אין איוב: האם ערכת שוועתך - צי האסטו אנגעגרייט דיין תפילה אז דו זאלסט נישט האבן קיין מקטרגים ומשטינים און די מלאכי השרת זאלן העלפן זיין דאווענען?

(מסכת סנהדרין דף מ"ד ע"ב)

די תפילה איז מונע די צרה פון קומען

בסוף ספר אהבת חסד הועתקה "מרגניתא טבא", וזה לשונו שם (סקט"ז): "ליזהר שהפחד והצער והכניעה שאדם מכניע את עצמו בעת צרתו וסכנתו ח"ו, כן ינהג את עצמו אף שהוא בשלווה - בכניעה, בפחד ובענווה", עכ"ל. והנה עיקר הלכה זו מפורשת בגמ' (סנהדרין מ"ד): "היערך שועך לא בצר (איוב ל"ו), אמר רבי אלעזר לעולם יקדים אדם תפילה לצרה", עיין שם. ובאמת דבר זה הוא סגולה מכל הסגולות להינצל מכל צרה, שהרי, על פי רוב כל עיקר מטרת הצרות והייסורים הם לעורר את האדם לתפילה ותחנונים, וכמפורש בחז"ל (יבמות ס"ד): "שאבותינו היו עקורים, מפני שהקב"ה התאווה לתפילתם". ואם כן, אם יקדים האדם הצעקות והתפילות לפני הצרה, כבר יצא ידי חובתו, ולא תבוא עליו הצרה. אמנם הלשון שכתב "ליזהר", מפני שבלא זה יש גם סכנה בדבר, אחרי שמפורש שזו היא סיבה שתגיע צרה - בכדי שיתפלל, נמצא שחסרון התפילה מביא איתו סכנה חס ושלום. אבל כשמקדים מצד עצמו להרגיש כאילו כבר באה לו הסכנה, ומתפלל עליה שלא תבוא, חוסך לו, ששוב אינו צריך שתבוא הצרה באמת.

(שערים בתפילה שער ביצור אות ז')

די תפילה איז ממתיק דער דין בשורש

כאשר נופל על אדם פחד מאיזה דבר, אז תיכף יבקש רחמים להינצל מזה. כי לכך עוררוהו מן השמים בפחד זה, כמו שאמרו ז"ל "לעולם יקדים אדם תפילה לצרה", ומניין יודע קודם מן הצרה רחמנא ליצלן, רק ה' יתברך מעורר על ידי הפחד. כי יש דינא קשיא רחמנא ליצלן, שאי אפשר להמתיק אחר צאתו לאוויר העולם, רק צריך להמתיקו בשורשו בעודו בבטן אמו. דמזל הוא השורש כידוע, וכמו שכתבתי במקום אחר, ומזליה חזי מה שהוא בשורש עדיין, ומיבעית. ובתפילה ממתיק בשורש, עד שיצא אחר כך טוב.

(צדקת הצדיק אות קסט)

פאר די צרה קומט איז גרינגער מבטל צו זיין די גזירה

יהא אדם זהיר להקדים לכל דבר תפילתו, כי מקודם בקל יותר לבטל הרעה, כמו שאמרו רז"ל: "לעולם יקדים אדם תפילה לצרה". על כן נהגו אנשי מעשה, קודם שעושים איזה שמחת נישואין בנו או בתו, להתפלל שלא ישלוט מידת הדין ועין הרע. ומנהג נכון הוא.

(אזהרת הקודש אות ז', אשר כתב עליו בעל השבט מוסר: "והוא ספר מעט הכמות ורב האיכות")

א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

בויען דער בית המקדש מיט אהבת חינם

אין די טעג קלאגט כלל ישראל אויף דער חורבן בית המקדש.

אין אזעלכע צייטן זוכט יעדער איד וואס ער קען טון מקרב צו זיין די גאולה - אז דער בית המקדש זאל זיך צוריקבויען.

מיר ווייסן אז דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געווארן וועגן שנאת חינם, די עצה ווי אזוי מיר קענען מקרב זיין די גאולה איז דורך וואס מען איז מרבה אהבת חינם, אהבת ישראל.

ווי אזוי טוט מען עס? ווי אזוי קען יעדער פון אונז מרבה זיין אהבת ישראל?

איינס פון די וועגן איז אז יעדער זאל נעמען אויף זיך מקבל צו זיין יעדן איד בסבר פנים יפות, צו רעדן מיט אנדערע בסבר פנים יפות, מיט א גוטמוטיגקייט, מיט א פריינטליכקייט, מיט א געשמאק.

ווען מען רעדט מיט א צווייטן גוטמוטיג און אויפגעלייגט - שטייגט די אהבת ישראל זייער שטארק.

איך האב אמאל מיטגעהאלטן ווי א נייער ראש ישיבה וואס האט געהאט שוועריגקייטן אין זיין ישיבה איז אמאל אריינגעגאנגען אין צימער פון דער משגיח רבי נתן וואכטפויגל זצ"ל דורכצושמועסן מיט אים איבער זיינע ענינים.

ר' נתן האט אים אויפגענומען מיט א מורא'דיגע ווארעמקייט, ער האט אים באגריסט מיט א צופרידנקייט, מען האט געזען די סבר פנים יפות, די געשמאק מיט וואס ער האט אים ענטפאנגען.

ווייל אז מען רעדט אזוי איז מען מרבה אהבה ואחוה וריעות.

אויך אין די פריערדיגע יארן טרעפט מען די בחינה. אין ספר שמואל [ב' קאפיטל ו'] שטייט אז ווען דוד המלך איז אהיים צו זיין שטוב, נאך דעם וואס ער האט געטאנצן פאר'ן ארון, האט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין שטוב צו בענטשן זיין שטוב ווי דער פסוק איז מעיד 'וישב דוד לברך את ביתו' - אז ער האט זיך אומגעקערט מיט א לב שמח, מיט א רצון צו בענטשן כלל ישראל.

אויך ביי אברהם אבינו טרעפט מען דער געדאנק. ווען אברהם אבינו האט זיך געוואנדן צו אנדערע מענטשן האט ער זיך געוואנדן צו זיי בלשון חיבה 'כי אנשים אחים אנחנו'.

אויך יעקב אבינו האט גערעדט אין דעם זעלבן וועג, זאגנדיג פאר די אנשי חרן - אַחַי, מֵאַיִן אַתֶּם.

אזוי רעדט א איד. ער רעדט פריינטליך, מיט א געשמאק, מיט א חביבות, מיט א שמחה.

אזוי דארף מען רעדן ווען מען קומט אהיים אין שטוב, ווען מען רעדט מיט חברים, און דאס וועט גורם זיין אז עס זאל זיך מערן אהבת ישראל און דורכדעם וועט מען זוכה זיין אז דער בית המקדש וועט געבויט ווערן במהרה אין אונזערע טעג, אמן.

קלינג אריין שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע אידן פון די גאנצע וועלט
לעבן א בעסערע און א געשמאקערע לעבן
אדאנק די השגחה פרטית ליניע

זיי דן אויך פון די גליקליכע - מאך דעם טעלעפאן קאלל
און הייב אן לעבן א רואיגערע און באַטעמ'טע לעבן פול מיט מנוחת הנפש און ישוב הדעת

פון ארץ ישראל
+972-30-11-300,
פון ארה"ב
140-130-86-151,
פון אנגליה
489-3900-330-0,
פון בלגיה
28-844-380-0,
פון ארגנטינה
31-840-398,
פון דרום אפריקה
521-18-8755,
פון אוקראינה
380-947-100-633